Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

ל.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

Visual Library

## ל.

„ס׳איז געווען אַ נארישקייט, וואָס איך האָב די גאנצע צייט אויסגעמיטן צו באזוכן יעקבס הויז, צי צוליבדעם, וואָס מיין טאטנס מ׳ח איז געווען פול מיט נארישע אויסרעכענונגען, אדער צוליבדעם, וואָס ר׳ צבי פארלאנגט אַ דערווייטערונג פון מיר, דארף איך מיך באַרויבן פון לייענען נייע העברעאישע צייטונגען, וואָס ס׳איז מיר מעגלעך נאָר אין דעם הויז? און אויב אפילו מיין דערווייטערונג איז געווען אויף וואס פאראַ ס׳איז אופן פארשטענלעך פריער — איז איצט האָב איך נישט קיין שום סיבה זיך צו דערווייטערן, ווארום אויך פארן אויספרעגן און אויספארשן, אלעמאי איך האָב זיי נישט באזוכט אין משך פון דער גאנצער לעצטער צייט, איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן: זיי וועלן נישט פרעגן און נישט פאָרשן... כ׳וועל אריינגיין!...“

דאָס גאנצע הויזגעזינד פון משה שמערלס איז געזעסן אויסגעזעצט ארום טיש און האָט געטרונקען אָווענט-טיי. אַ חוץ די אייגענע זיינען נאָך געווען אין שטוב צבי גלותזאָנס טעכטער און זייער ברודער גד. זיי זענען געווען פארנומען מיט עפעס אַ התוכּחה, וואס דארף פאָרקומען, און מיט עפעס א פאָטאָגראפיש בילד, און גד האָט געשריען, אז ער איז נישט קיין ישיבה-בחור און אים וועט מען נישט אָפּנארן. ראָכיל מאָיסעיעווונא און בורסיף זענען אויך געווען צווישן די פאראמאָסעיעוונא ... נענע, נאָר (לכל הפחות, מיר האט זיך אזוי אויסגעדוכט) עפעס אַביסל אָפּגעזונדערט פון אלעמען. און באלד האט זיך אין מיר אָנגעהויבן אַ געפילן-געראנגל: „אָט זיץ איך דאָ, רעד, וואס ס׳קומט מיר אין מויל אריין, בעט ביי יעקבן נייע צייטונגען מיט א מין טאָן, ווי איך וואָלט געוואָלט מודיע זיין און אַנ-

זאָגן צוליב וואָס איך בין אריינגעקומען, איך פיר מיך אויף
מיט שטאָט און דרך־ארץ, ווייניקסטנס, וויפל איך בין בכוח;
אָבער ווי גוט וואָלט געווען אָנשטאט דעם אלעם צוצוגיין
פלוצלינג צו אים און זאָגן: בורסיף! איך שפּיי דיר אין פּנים
אריין! — און אנפילן תּיכּף זיין טשופּרינע מיטן גאנצן שפּייעכץ
פון מיין מויל. און ווי איך האָב זיך נאָר אריינגעטאָן אין
דעמדאָזיקן געדאנק, האב איך דערשפּירט דעם גאנצן פארגע-
ניגן פון דערדאָזיקער טאָט, די גאנצע לעכערלעכקייט פון די
אָנווענדיקע. מינוטנווייז האָב איך מיך אַ רוק געטאָן אויף מיין
אָרט מיט אַ פערבאָרגענער באַוועגונג, ווי איך וואָלט מיך גע-
גרייט זיך צו געפינען נישט־ווילנדיק אין אַ בעקוועמערער לאגע
פאר אזא טאָט. אָבער פילן האב איך געפילט, אז איך בין
קיינמאָל נישט פעאיק צו טאָן אזא זאַך — און עס האָט מיר
זייער באַנק געטאָן. פארשאָלטענע גריבלעריי! וואס קוועטש
איך זיך: „איך האָב נישט קיין רעכט צו פארווירקלעכן דורכ-
דעם מיין נאַרישן צער!“? — ס׳פעלט דאָך מיר בלויז ווילנס-
שטארקייט... ווילנס־שטארקייט? שטארקייט? שטארקייט אָנצו-
שפּייען אַ מענטש אין פּנים אריין? די שוואכקייט שעמט זיך
פאר זיך אליין... אַ, ריין הארץ, באַפרייאונג, בארויקונג איז
דיר נויטיק! פּטור צו ווערן דורך עפּעס אַ טאָט פון דער נאַ-
רישער, קרענקלעכער אומרואיקייט? אפשר איז אויך עפּעס אַן
אריסטאָקראַטישע באַוועגונג נויטיק דערצו און אַ מאָנאָלאָג פון
אַ הויכגעשטעלטן פארשוין?.. וויבאַלד איך טראַכט דערוועגן —
איז שוין קיין אָרט נישטאָ פאַר אַזאַ טאָט... דאָס איז אויך
אַ גליק — אנצושפּייען אין פּנים אריין דעמדאָזיקן אויסגע-
פּוצטן יונגערמאַן!... סאַראַ גרויס רחמנות ס׳איז אויף אונז
אַלע!...

— יאָ... — האָט זיך בורסיף דערווייל געווענדעט צו מיר,
און ביי יעדערן אויפן פּנים איז געווען קענטיק אַ גרייטקייט
אויסצוהערן אַן אינטערעסאנטן געשפּרעך — וואָס הערט זיך
נייס, הא פייערמאַן?

— נישטאָ קיין נייס, הער בורסיף.

— פון .N באקומט איר בריוו ?
— איך באַקום.
— פון וועמען ? פון חיימאָוויטשן ?
— פון חיימאָוויטשן.
— און וואָס שרייבט ער, אויב ס'איז דערלויבט צו פרעגן..

— ער איז אָנגעקומען א'ן אַ פאַבריק.

— אין אַ פאַבריק ? — האָט בורסיף דערפרייט מיט דער מציאה, וואָס ער האָט געפּאַקט — יאָ... יאָ וויכטיק... הייסט עס, אז דערדאָזיקער דאָן־קישאָט האט יאָ פארווירקלעכט זיין שטרעבונג, יא... אַן אידעאַל... אינטערעסאַנט, זייער אינטערעסאנט...

— וואָס פאַר אַ פאַבריק ? — האָט אַ פרעג געטאָן דער באַלעבאָס אליין, מיט אַ מינע פון איינעם, וואָס פאַרשטייט נישט דאָס געשפרעך און מיט אַ פנים, וואָט דריקט אויס אַ באַזונדערן כעס.

— נארישקייטן, ר׳ משה ! — האָט אים בורסיף געענטפערט מיט אזא טאָן ווי א יונגערמאַן פונם נייעם דור, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ קלוגן, רעדט מיט אן עלטערן מענטש — נישטא וועגן וואָס צו רעדן. דערדאזיקער מענטש האָט אַ באַקאנטן אין N. אַ סוביעקט, וואָס האָט זיך ליב אויסצופיינען מיט אָריגינעלקייט, כ׳מיין, צו זאָגן, וואָס האָט ליב צו באוויזן, אז ער גייט נישט איף דעם אויסגעטרעטענעם אויסוועג... נו־ו... ער עסט נישט, למשל, קיין מאכלים פון לעבעדיקע וועזנס... יאָ, אזאַ מין הער! נו, פאַראַיאָרן האָט ער זיך עקזאַמענירט אויפן גאַנצן גימנאַזיע־קורס — און איז דורכגעפאַלן, פאַרשטייט זיך... יאָ... נו, איז אָט איצט שרייבט ער צו דעם מענטש, אַז ער האָט אָנגע־הויבן אַרבעטן אין אַ פאַבריק... כאַ, ווי געפעלט עס אייך? פאַרשטייט זיך, אַז אָט די גאַנצע מעשה איז נישט ווערט... נישט ווערט... הער פייערמאַן, איך בין פונדעסטוועגן זיכער, אַז די אַרבעט אין דער פאבריק וועט לאַנג נישט דויערן. דאָס איז אַ גוטער אידעאַל, אַרבעט איז, אמת, אַ הייליקע זאך..!

יאָ... אָבער ס'איז נישט גרינג... ווען איך וואָלט נישט מורא געהאַט, וואָלט איך נביאות־געזאָגט, אַז אין עטלעכע טעג אַרום וועט איר באַקומען אַן אַנדער בריוו פונעם אַרבעטער. יאָ... איך שטעל מיר פאָר, וויפל אויסרוף־צייכנס עס געפינען זיך אין רעמדאָזיקן בריוו, וויפל...

איך בין אויפגעשטאַנען פון מיין אָרט. דאָס נישט איינגעבונדענע העפט פונעם זשורנאַל איז מיר אַרויסגעפאַלן פון די הענט און די בלעטלעך האָבן זיך צעשאָטן. ר' צבי גלותזאָנס מיטלסטע טאָכטער האָט זיך נישט־ווילנדיק איינגעבויגן אויפצוהייבן די בלעטלעך – און איך האָב נישט געליינט קיין אכט דערויף. דאָס געלעכטער פונעם רעדער, צוזאַמען מיטן באַגילדעטן קנאָפּ אויפן אַרבל פון זיין בלוזע האָבן פון מיר פאַרטריבן יעדן פּראָטעסט:

– נבזהדיקער טעלערלעקער... דו... חיימאָוויטש...

און איך האָב אַ שפּיי געטאָן.

אַרויסגייענדיק האָבן זיך צעגאָסן פון ביידע זייטן פון יין חוט־השדרה פאַליעס קליינע נאָדעלעך. די נאַכט איז געווען זייער אַ טונקעלע. די לייכטער פון די שטאָטישע הייזער האָבן געפלעמלט אין דער פינצטערניש. מיליאָסן פייער־אויגן קוקן. אָט איז די ישיבה, די פּאָליציי, די קאַזאַרמע, די תפיסה, „דער טאָל פון עלנט“... אין די אַלע הייזער פולסירט דאָס לעבן... גלוסטונגען, געפילן, הנאות, טאַטן, יסורים... און אויף אַלץ איז אויסגעשפּרייט אַ פאַרוואָלקנטער הימל... אַן אומענדלעכע עקזיסטענץ... און אינמיטן דאָס אַלץ – אַ מיאוסער שפּיי, פּאַסקודנער, עקלהאַפטער שפּיי פון אַ מענטש־פליג אין פּנים אַריין פון אַ מענטש־וואָרים...

---

דאָס, וואָס ס'האָט געהאַט אָפּגעהאַלטן מיין טאַטן מיר צו פאַרשאַפן האַרצווייטיק, איז פאַרשוואונדן. דאַן האָט ער אָנגעהויבן מיט מיר מדקדק זיין אויך אין פרומקייט־זאַכן –

דאָס, וואס ער פלעגט זיך נישט נוהג זיין צו טאן אין ז
טעג פון גרויסע האפנונגען.

אָט האט ער געענדיקט עסן מיטאג. ער דארף גיין אין
זיין חדר אריין, אבער ער זיצט זיך, פארלייגט דעם לינקן
פוס אויפן רעכטן — און רויכערט... דערנאך פארקרימט ער
דאָס פנים, ווי ער וואלט זיך אָפּגעטרייסלט פון דערדריקנדיקע
טרויעריקע מחשבות, ער פירט דורך זיין אָדערדיקע האנט
דורך דער באָרד און הויבט אָן:

— אט דאס זאגט די וועלט: „א מענטש טראכט, און גאט
לאכט". אוי, אוי, אז איך נעם זיך איצטער דערמאנען אלע
מיינע חלומות וועגן אים! ירמיה וועט קומען... אנגעטאן ווי א
גראף... קיין מענטש וועט נישט וואגן צוצוגיין צו אים... א „ריסטא-
קראט"—און פירט זיך אויף מיט יראת־שמים... וואס צו גאט —
איז צו גאט, און וואס צו לייט — איז צו לייט... ער קען
געפעלן כל המיני מענטשן... מ׳דארף א שמועס טאן מיט
א מיידל — ער קען דאס אויך! (דאס איז אויך נויטיק, נאך
ווי נויטיק!..) הכלל, דער שטאלץ פון זיינע עלטערן... אלע
ווערן בטל פאר אים... און שלום-געצל פילט זיך אויפן
זיבעטן הימל. — — —

א קורצע הפסקה. די רויך-רעדער קומען ארויס און
שטייגן פון זיין מויל פאמעלעך.

— פ־פ־פ־ף... ירמיה איז געקומען... נאקעט און אפגע-
ריסן... שעמט זיך פאר יעדן מענטש.. נישט דאס און נישט
יענץ: נישט קיין חסיד און נישט קיין ריסטאקראַט... ס׳איז נאך
דאנקן גאָט... די גאַנצע וועלט ווייסט נאָך נישט דעם אמת...
אַ סך זענען זיך טועה... ס האָבן זיך נאָך געפונען אַזעלכע,
וועלכע ווילן אים איבערגעבן די קינדער, ער זאָל זיי לער-
נען תורה... אָבער שלום-געצל אַליין — שלום-געצל איז געגליכן
צו אַ גרויסן סוחר אין די פאָרט-שטעט... די געשעפטן זיינע
טומלען... אַי־אַי־אַי... ער איז איבער אַלעמען... און פלוצים,
אינמיטן דערינען — קומט אָן אַ טעלעגראַמע... זיינע שיפן זע-
נען אונטערגעגאנגען אין ים... נישטאָ... בענוג, שלום-געצל,

גענוג דער אייבערשטער האָט נישט געהייסן זיך צופיל פרייען...

די ערשטע טעג פלעגט די מאמע זיין מיין אַדוואָקאַט: איר גייט נישט אָן די „גאנצע וועלט". לויט זאָגן, לויט קענען נישט פארשטיין, די שטאָט-מענטשן רעדן — וואָס פארא געשעפטן האָבן זיי מיט איר זון? זאָל זיי דער קאָפּ ווייטאָן פאר זייערע געשעפטן. זי שעמט זיך נישט מיט מיר, ווי ס'זאָל נישט זיין. דאָס טיכל טראָג איך דאָך נישט אום שבת, און מיט קיין מיידלעך שלעפּ איך מיך אויך נישט ארום איבער דער שטאָט. „ס'איז קיין קשיא נישט" — דאָס איז קיין חסרון נישט. דער טאטע זאגט, אז איך האב נישט קיין שכל דערצו, אָבער זי ברענגט אַ ראיה פון די גרעסטע גראָבעיונגען, וואָס האָבן יאָ שכל דערצו. אַ חוץ איר פארטיידיקן מיך פארן טאטן, פלעגט זיך מיך נאָך איינרעדן, אונטער זיינע אויגן, איך זאָל אריבערטראגן זיינע פרעטענזיעס שטילערהייט. אינדעראמתן, האָט ער זיך אויך, פונקט אזוי ווי זי, שטארק געשראקן, איך זאָל נישט פארלאָזן די שטאָט, וואָרום איך האָב דעמאָלט פארדינט מער ווי צוואנציק רובל אַ חודש; און אינדעראמתן האט ער זיך אויך באמיט מיט אלע מעגלעכקייטן מיך צוצובינדן צו דער שטוב; אָבער איינגאנצן באהערשן זיין תשוקה מיך צו מוסרן און שטראָפן — דאָס איז געווען איבער זיינע כוחות. אויך די פאדערונגען, וועלכע ער האט מיר געשטעלט זענען געווען גרעסערע פון דער מאמעס פאָדערונגען; זי פלעגט זיין געצוואונגט מכוח דעם צו טענהן אַזעלכע מיני רייד:

— איך וויל דיך נישט לערנען קיין פארשטאנד, מיין זון... ביסט אזא חכם ווי איך, די גרויסע חכמה! פיר זיך אויף ווי ס'געפעלט דיר... לייען ביכער... איין זאך וועל איך נאר בעטן: זאלסט נישט פארגעסן די יידישקייט. און כל-זמן דו וועסט זיין ביי מיר אין שטוב, בין איך זיכער, אז דו וועסט נישט טאן, וואס מ'טאָר נישט. א סך בלוט האב איך א.יף דיר פארגאסן, מיין זון, און איצט פארלאנג איך פון

דיר מיט טרערן בלויז איין זאך: זיי א ייד... וואס איז א יידן? א ייד אָן חכמות... נישט עסן אומגעוואַשן, בענטשן, דאַווענען און... און... זיין אַ ייד...

נאָר דאָס אַלץ איז בלויז געווען די ערשטע צייט; אָבער ביסלעכווייז איז זי אויך געוואָרן ווי אַ פּאַרטיידיקער, אָן אָרנטלעכער אדוואָקאַט, וואָס ביי אים אין הארצן גופא האָט זיך אריינגעגנבעט אַ ספק אין דער ריכטיקייט פון זיין פּאַרטיידיקונג, ווייל דעם באשולדיקערס לאַנגע רייד האָבן געווירקט אויך אויף אים, און עס זענען ביי אים אָפּגענומען געוואָרן די ווערטער פון מויל. די טענות אירע האָבן זיך סוף־כל־סוף אויסגענומען.

ס׳פלעגט טרעפן, אז איינע פון די שכנטעס פלעגט אריינקומען צו אונז אין שטוב אָפּצוגעבן מיין מאמען איר קליין טעכטערל, עס זאָל זיך ביי איר אויסלערנען לייענען, אָדער איינע פלעגט אריינקומען קויפן די ציבעלע-ברעקלעך, וועלכע זענען געווען געפּרעגלט אין געגענשמאַלץ, און די מאמע מיינע פלעגט זיך דינגען וועגן פּרייז, פאַרלאַנגענדיק שכר-לימוד דווקא צוויי גילדן א חודש אָדער דווקא פינף גראָשן פאַר די ציבעלע, און די שכנטע פון איר זייט פלעגט דאן אָנהויבן ווייכער צו מאכן דאָס הארץ פון איר בעל־דברטע דורך קלאָגן זיך אויפן יקרות און אויף „די צייטן, וואָס זענען אָנגעקומען, אין וועלכע ס׳איז מער נישט פאַרבליבן צו טאָן, נאָר אריינלייגן זיך אין קבר און אויסגיין״, און פאַרבייגייענדיק פלעגט זי א וואַרף-טאָן א בליק אויף מיר, ווי זי וואָלט זאגן, כדי אונטערצושפּעטן מיין מאמען: „דו האָסט אָן אנדער סאָרט זון, דיין מזל איז א בעסערער, ווי מיינער״ — אין אזא מינוט פלעגט מיין ארימע מוטער אַראָפּלאָזן די אויגן, און דאָס פּנים אירס פלעגט עדות־זאָגן, אָז זי קלערט איצט וועגן דעם, וואס די וועלט איז גענאַרט...

ווען די רעדעריקע פלעגט ארויסגיין פון שטוב, פלעגט

ויך דער טאטע שטארק פעסן. א קבצנטע בלייבט אייבי׳ק א קבצנטע. זי וועט קיינמאל נישט שפירן די דערנידעריקונג פון איר כבוד. מיט בערל דעם שמאטניקס ווייב שטייט זי — די חכמה — און רעדט וועגן איר זון, נישטפילנדיק, ווי ווייט זי דערנידעריקט דערמיט זיין כבוד. א טייערע חברטע האט זי זיך אפגעפונען!

— אבער מ׳קען דאך איר נישט א שפיי טאן אין פנים אריין...

— מ׳קען נישט? און פארוואס קען דיין זון יעדערן שפייען אין פנים!... אז אך און וויי צו זיין שפיי!..

— מיין זון... ירמיה — איז מיינער פונקט אזוי ווי דיינער...

— בקיצור, ווי די מעשה זאל נישט זיין, דעם תלמיד, וואס ער האט געהאט ביי אל׳מלכן, האט ער שוין אנגעוואוירן...

— נו, שלום געצל, ס׳איז שוין צייט, זאלסט צוריקגיין אין חדר אריין... און דו מאכסט נאך הכנות... דער טיש איז געגרייט... גיי, וואש זיך...

בשעתן עסן וויקלט זיך פונאנדער אן אלגעמיינער געשפרעך וועגן צער־בעל־חיים פון דעסגלייכן. פריידע דערקלערט בערלען דעם טעם, אלעמאי מ׳מאר נישט זעצן א הון אויף קאטשקענע אייער — ס׳א צער בעלי חיים! די קאטשקעלעך וועלן אונטערוואקסן און זיך אוועקלאזן שווימען איבערן טייך, און די מאמע וועט ארומלויפן, אהין און אהער, ביים ברעג א משוגענע, דאס רחמנות, וואס זי רופט ארויס אין אזא מינוט איז זיך גארנישט מעגלעך פארצושטעלן. נישט זי קען ברענגען צוריק אירע טייערע קינדערלעך, נישט זי קען אליין צוקומען צו זיי. דאס בילד ווערט געשילדערט מיט קלא־ע פארבן, עס ווערט לעבעדיק אינם מויל פון דער שילדערערין, און עס איז פול מיט א טיפער טראגיק...

מײן מאַמע הערט זיך אײן, הױבט אױף דעם קאָפּ קוקט אױף מיר מיט אַ לענגערן און טרױעריקן בליק, לאָזט ארױס אַזיפץ, װאָס פאַרסמט אלע מײנע אינעװײניקײטן, און זי שאָקלט צו מיטן קאָפּ אַ שאָקלען פון אנטױשונג, פון פאַרלױרענער לעצטער האָפנונג... אומגליקלעכע הױן...

---